# סצענע 10 ב'
# Escena 10 B

## מען עסט אַ לאָדע
## Comiendo un helado

רייזל - מאָטל, וווּ אַרבעטסטו?

מאָטל - איך אַרבעט אין אַ ביוראָ, וואָס געפֿינט זיך אין אַ הויכער געבײַדע, אויף דער גאַס "אַלבערט אײַנשטיין".

רייזל - מאָטל, דו אַרבעטסט אין זייער אַן אינטעליגענטער גאַס! און וואָס טוסטו אַ גאַנצן טאָג?

מאָטל - איך קום אַרײַן נײַן אַ זייגער אין דער פֿרי. די סעקרעטאַרשע גיט מיר די טאָג-אָרדענונג.

רייזל - און די סעקרעטאַרשע איז אַ שיינע?

מאָטל - מממ... נישט קיין שיינע און נישט קיין מיאוסע... איך הייב באַלד אָן איבערקוקן די ביכער.

רייזל - לייענביכער?

מאָטל - ניין, ניין, נישט קיין לייענביכער...דאָס זײַנען בוכהאַלטעריע-ביכער. איך דאַרף ברענגען אין אָרדענונג אין דער בוכהאַל-טעריע פֿון מײַנע קליִענטן, כּדי זייערע געשעפֿטן זאָלן זײַן ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

רייזל - און דו פֿאַרשרײַבסט אין דײַנע ביכער מיט אַ בלײַפֿעדער און אַ פֿעדער?

מאָטל - אַוודאי נישט! איך נוץ מײַן קאָמפּיוטער. אין ביוראָ זײַנען דאָ פֿאַראַן קאָמפּיוטערס מיט פֿאַרשיידענע פּראָגראַמען, און אויך גרויסע און קליינע אָפּדרוקערס. מען קען דאָרט אַרבעטן זייער רויק...

רייזל - מאָטל, עס געפֿעלט מיר דײַן אַרבעט! עס איז אַזוי ענלעך צו דעם וואָס איך וויל טאָן נאָכן פֿאַרענדיקן די לימודים אין אוניווערסיטעט!!

מאָטל - וואָס, דו ווילסט אַרבעטן אין אַן אָפּיס?...

רייזל - ניין, ניין, נאַרישער בחור. איך וויל אַרבעטן אין אַ קלאַס מיט

קליינע קינדער... אַזוי ווי איך האָב געאַרבעט דעם פּאַר -
גאַנגענעם מאָנאַט אין אַ שול...
אין אַ שיינעם, ריינעם קלאַס, מיט רויִקע גוטע תלמידים...
איך וועל זיי אויסלערנען שרייַבן אין זייערע
העפֿטן מיט בלייַפֿעדערס, און דער נאָך מיט פֿעדערס און
קאָלירן. איך וועל אַלץ פֿאַרשרייַבן מיט קרייַד אויפֿן טאָוול
און עס אויסמעקן מיט אַ מעקער. איך וועל זיי אויס-
לערנען רעכענען און נוצן דאָס מייַזל אין די קאָמ-
פּיוטערס... די צווייטע שעה...

מאָטל - וואָס, דו ווילסט אויסלערנען די קינדער לייענען, שרייַבן, רעכענען און נוצן דעם קאָמפּיוטער אין איין שעה ?

רייזל - מאָטל, דאָס זייַנען מאָדערנע צייַטן !